**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/26/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין פוירפל אין עהרע פון אינטערנאציאנאלע פוירפל טאג פאר עפילעפסיע אויפמערקזאמקייט

***14 צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין פוירפל אום מערץ 26 אוונט***

***באלייכטונג באעהרט די געשאצטע 215,000 ניו יארקער וועלכע לעבן מיט עפילעפסיע און נאענט צו 9,000 וועלכע ווערן דיאגנאזירט יעדעס יאר***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז ניו יארק סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן אין פוירפל היינט אוונט אין עהרע פון דעם אינטערנאציאנאלע פוירפל טאג (International Purple Day) פאר עפילעפסיע אויפמערקזאמקייט.

"עפילעפסיע איז א פראבלעם וואס איז אפט נישט ריכטיג פארשטאנען און באגלייט מיט סטיגמעס, און עס קען אפעקטירן מענטשן אין יעדע עלטער און פון יעדע הונטערגרונט", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "ניו יארק סטעיט איז שטאלץ זיך צו באטייליגן ביים ציהען אויפמערקזאמקייט צו דעם נושא דורכן באלייכטן די סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן אום אינטערנאציאנאלע פוירפל טאג צו שטיצן די וועלכע לעבן מיט עפילעפסיע."

עפילעפסיע איז א קראנקהייט פון די צענטראלע נערוון סיסטעם, פירנדיג צו סיזשערס וועלכע קומען צומאל אן א קלארע סיבה און געשעהען מער פון איינמאל. אין מער פון האלב פון די פעלער איז די אורזאך פון עפילעפסיע אומבאקאנט. ווען די אורזאך קען יא באשטימט ווערן, איז דאס אפט צוליב א קלאפ אין קאפ, אינפעקציעס אדער א געוואוקס אין די מוח, א סטראָוק, צוביסליך-פארערגערנדע קראנקהייטן ווי אלצהיימער, דראג באנוץ אדער גענעטישע סיבות.

**סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, Dr. James McDonald (דר. דזשעימס מעקדאנעלד), האט געזאגט,** "עפילעפסיע איז אן ערנסטע פראבלעם וואס קען אפט האבן לעבנסלענגליכע השפעות, אבער די גוטע נייעס איז אז עס קען אפט באהאנדלט ווערן מיט מעדיצין און צומאל מיט אן אפעראציע. דורכן ציהען אויפמערקזאמקייט צו די נושא דורכאויס אינטערנאציאנאלע פוירפל טאג, מאכן מיר זיכער אז מער מענטשן וועלן קענען ערגרייכן א גוטע שטאפל פון קאנטראל אויף זייערע סיזשערס און האבן א בעסערע קוואליטעט פון לעבן אין אלגעמיין."

די צענטער פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention, CDC) שאצט אז 215,000 מענטשן אין ניו יארק לעבן מיט אקטיווע עפילעפסיע, א קראנקהייט פון די צענטראלע נערוון סיסטעם וואס פירט צו סיזשערס. אנדערע שטודיעס ווייזן אז אומגעפער 9,000 מענטשן ווערן דיאגנאזירט יערליך אין די סטעיט.

סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן רעכענען אריין:

- WTC 1
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק (Governor Mario M. Cuomo Bridge)
- קאַסיאָסקאָו בריק (Kosciuszko Bridge)
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע (H. Carl McCall SUNY Building)
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע (State Edutacion Building)
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע (Alfred E. Smith State Office Building)
- עמפייער סטעיט פלאזא (Empire State Plaza)
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט אריינגאנג טויער און עקספא צענטער (State Fairgrounds – Main Gate & Expo Center)
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "Franklin D. Roosevelt" (פרענקלין ד. רוזעוועלט) מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד אריינגאנג (Albany International Airport Gateway)
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפארט ליפטברידזש איבער דעם ערי קאנאל
- Moynihan Train Hall (מויניהאן באן האל)

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן